רעדאגירט דורך נתן קרעמער און זלמן שרייבער

# כ״ק מרן גאב״ד ירושלים שליט״א באגלייט ארבעט פון ״מפקחי סת״ם״ צו פארזיכערן כשרות פון תפלין ומזוזות

ירושלים - דער מצב הכשרות פון די צענדליגער טויזענטער ספרי תורה, תפלין און מזוזות וואס ווערט ארויסגעשיקט פון דא, און ווערט צעשפרייט איף דער גאנצער וועלט וועלן בעז״ה זיין פון א העכערן ניווא און א בעסערן סטאנדארט, נאכדעם וואס דער ירושלים׳ער רב שליט״א האט גענומען דעם ענין גאר פערזענליך, און טוט אלעס מעגליך צו פארבעסערן און צו פארזיכערן דעם מצב פון כשרות.

דער רב שליט״א גיט אוועק פון זיין טייערער צייט צו באגלייטן די אקטיוויטעטן פון די חשוב׳ע חברי הועד מפקחי סת״ם, וועלכע זענען געוואלדיגע בקיאים אין אלע ענינים וואס זענען נוגע סת״ם, און שטייט צו הילף מעורר צו זיין דעם ציבור אויף אלעם וואס מ׳דארף וויסן ווען מ׳באשטעלט תפלין פון א סופר.

אבער די כשרות פון תפלין פאנגט זיך נישט אן ווען דער סופר זעצט זיך אוועק צו שרייבן. אויב איז דער פארמעט נישט געווארן אויסגעארבעט לשמה אזוי ווי די הלכה פארלאנגט, וועלן די שענסטע און מהודר׳דיגסטע פרשיות אפילו נישט כשר זיין אויף בדיעבד שבדיעבד.

ס׳איז שוין א לענגערע צייט וואס דער רב איז פערזענליך אינטערעסירט איבער דעם מצב פון כשרות הקלף. און ווי נאר ס׳האט זיך געמאכט א געלעגנהייט האט זיך דער רב שליט״א אפילו מטריח געווען צו קענען אליינס צוזען פון דער נאנט דער מהלך און פראצעדור פון עיבוד, לויט וויאזוי עס ווערט אויסגעפירט ביי די פאבריקן וואס טראגן די השגחה פון דער ״עדה החרדית״.

איידער דער רב איז ארויסגעפארן

(פארזעצונג אויף זייט 132)

# כ״ק מרן גאב״ד ירושלים שליט״א באגלייט ארבעט פון ״מפקחי סת״ם״

(פארזעצונג פון זייט 16)

קיין בית שמש כדי צו קענען באזוכן ביי די ״נאפארסטאק״, ״קס״ת״ (דורך הסופר מומחה הרה״ח ר׳ מנחם קעניגסבערג הי״ו) און ״בק״ פאבריקן, ביי וועלכע ס׳איז פארהאנען אן עקסטערער אפטיילונג פאר די ספעציעלע מהודר׳דיגע ״עבודת יד״ קלף אונטער דער בארימטער השגחה, האט דער רב פארבעטן ידידו הגאון הגדול ר׳ מרדכי פרידלאנדער שליט״א א געוואלדיגער מומחה אין הלכות עיבוד הקלף, אז ער זאל אויך מיטקומען צום באזוך, און ער זאל אויך מעיר זיין וואס מ׳קען פארבעסערן די אזוי אויך גאר מהודר׳דיגע קלף.

צו דער באשטימטער זמן האבן זיך די רבנים ארויסגעלאזט און געגאנגען צו די פאבריקן, וואו זיי האבן דורכגעקוקט בדקדוק והקפדה יתירה יעדן איינציגן איינצלהייט וואס אנבאלאנגט עיבוד, פון ווען ס׳קומט אריין אלס א רויער פארפרוירענער עור, ביז ווען עס ווערט פולשטענדיג גרייט צו שרייבן דערויף. לויט ווי דער רב שליט״א שילדערט דאס מיט זיינע אייגענע ווערטער, דארף מען אפגעבן א שבח והודאה צו השי״ת, אז מ׳האט זוכה געווען אהערצושטעלן פארמעט פון אזא הערליכן סטאנדארט.

*

אין זיין דרשת שבת שובה וועלכע איז געזאגט געווארן פאר טויזענטער צוהערער אין דעם ריזיגן היכל הבית מדרש ״בית יוסף צבי דושינסקיא״, האט דער רב שליט״א שטארק מתריע געווען וועגן די הפקרות וואס איז שולט אין די היינטיגע טעג, און שטרענג אויפגעפאדערט פון יעדן איד, אז מ׳זאל נאר קויפן פארמעט וואס איז פראדוצירט געווארן אונטער א שטרענגער הכשר!

די דברים היוצאים מן הלב פון אזא אדם גדול ווי עס איז דער ירושלים׳ער רב שליט״א, זענען איינגעזאפט געווארן טיף אין די הערצער פון די איבער טויזענט צוהערער, און אפילו יעצט, נאכדעם וואס עס זענען שוין לאנג פארביי די הייליגע טעג, זענען זיי נאך איינגעקריצט אין מח, און וועלן נאך אויף לאנג בלייבן מיט׳ן זעלבן פרישקייט ווי בשעת זיי זענען געזאגט געווארן.

יעדער פארשטייט אז ווען מ׳קויפט תפלין פאר א בר מצוה בחור איינמאל אין לעבן, לוינט זיך נישט אריינצופאלן אין א ספק, ווען מ׳קען באקומען פאר׳ן זעלבן פרייז, אזעלכעס וואס איז פראדוצירט געווארן אונטער השגחה מעולה, און מ׳וועט קיינמאל נישט האבן קיין פאראיבל אז אפשר האב איך נישט גענוג געטאן זיך צו פארזיכערן מיט א כשר׳ע פאר תפלין.○